# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות..................4:25
מוצאי שב"ק....................5:54

**שיעורים כסדרן**

נ"ך.........................קהלת ג'-ד'
בבלי...............................נדה ע"ג
ירושלמי..............עירובין ל"א
תוספתא.............כלים קמא ד'
רמב"ם.....................שכנים ב'


פרשת ויגש, ז' טבת, שנת תש"פ לפ"ק — שנה 9, גליון 15 (429)


## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

### וְלֹא יָכְלוּ אֶחָיו לַעֲנוֹת אֹתוֹ כִּי נִבְהֲלוּ מִפָּנָיו

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען נִישְׁט צוּ עֶנְטְפֶערְן וֶוען דוּ כַאפְּסְט אַ בִּזָיוֹן; בִּזְיוֹנוֹת אִיז טַאקֶע זֵייעֶר נִישְׁט בַּא'טַעמְ'ט, אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט אוֹיף אַ בִּזָיוֹן אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ חֲלִישׁוּת הַדַעַת אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, קֶען עֶר פּוֹעֶלְ'ן גְרוֹיסֶע זַאכְן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן כה): "חֲלִישׁוּת דַעְתּוֹ שֶׁל הָאָדָם הוּא גְדוֹלָה מִתַּעֲנִית", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט אִיז דָאס גְרֶעסֶער וִוי אַ תַּעֲנִית; אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כד:): עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ שְׁוֶוערֶע הוּנְגֶער אוּן רַב פָּפָּא הָאט גוֹזֵר תַּעֲנִית גֶעוֶוען עֶס זָאל קוּמֶען רֶעגְן, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען קַיין רֶעגְן. אִינְצְוִוישְׁן אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר פַארְ'חַלְשְׁ'ט אוּן כְּדֵי זִיךְ צוּ דֶערְכַאפְּן דָאס הַארְץ הָאט עֶר גֶעגֶעסְן אַ קְלֵיין לֶעפְל גְרִיז, אוּן עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס זָאל רֶעגֶענֶען אָבֶּער עֶס הָאט נָאךְ אַלְץ נִישְׁט גֶערֶעגְנְט, הָאט זִיךְ רַב נַחְמָן אָנְגֶערוּפְן צוּ אִים: "בַּר אוּשְׁפַּזְתִּי, אִיךְ מֵיין אַז אוֹיב דֶער הֶער וֶועט עֶסְן נָאךְ אַ לֶעפְל גְרִיז, וֶועט אֶפְשָׁר דֶעמָאלְט קוּמֶען רֶעגְן", פַארְצֵיילְט דִי גְמָרָא אַז רַב פָּפָּא הָאט גֶעהַאט פוּן דֶעם חֲלִישׁוּת הַדַעַת אוּן עֶס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין אַ רֶעגְן; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַמָאל קֶען אַ מֶענְטְשׁ בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן אוּן וַוארְטְן אוֹיף אַ יְשׁוּעָה אוּן עֶס הַאלְט זִיךְ צוּרִיק פוּן קוּמֶען, אוּן וֶוען מֶען גֵייט אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע צַייט אוּן מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ; מֶען גֵייט נִישְׁט אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז מֶען זוֹכֶה אַז מֶען פּוֹעֶלְ'ט גְרוֹיסֶע זַאכְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ו): "וְעִקַּר הַתְּשׁוּבָה כְּשֶׁיִּשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק", אַז מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט אוּן מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ, דָאס אִיז דֶער עִיקָר וִוי אַזוֹי מֶען טוּט תְּשׁוּבָה; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַמָאל אִיז דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה גֶעגַאנְגֶען מִיט אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, אוֹיפְן וֶועג אִיז צוּגֶעקוּמֶען אַ מִתְנַגֵּד אוּן גֶעוָוארְפְן אוֹיפְן טְשֶׁערִינֶער רֶבִּי אַ שְׁטִיק צוֹאָה. דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ שֵׁיינֶע זַיידֶענֶע בֶּעקִיטְשֶׁע אוּן דִי בֶּעקִיטְשֶׁע אִיז אִים פַארְשְׁמִירְט גֶעוָוארְן, עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט וואוּסֶענְדִיג גֶעמַאכְט פוּן דֶעם נָאר עֶר אִיז וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען, אָבֶּער דֶער אַנְדֶערֶער וָואס אִיז מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיט אִים הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּ דֶעם מִתְנַגֵּד אוּן אָנְגֶעפַאנְגֶען שְׁרֵייעֶן: "שֵׁגֶץ!" וְכוּ' אוּן דֶער מִתְנַגֵּד הָאט צוּרִיק גֶעשְׁרִיגְן וְכוּ'. הָאט דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב אִים אָנְגֶעכַאפְּט אוּן גֶעזָאגְט: "שְׁוַוייג, דָאס אִיז דָאךְ אוּנְזֶער זַאךְ", אוּן עֶר הָאט צוּגֶעלֵייגְט: "אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ שְׁוַוייגְט אָפּ אוֹיף בִּזְיוֹנוֹת אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ גָאר שֵׁיינֶע זַאכְן אוֹיף דֶער וֶועלְט".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּקְרָא תשע"ח)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אִין בְּרֶסְלֶב בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר

דֶעם קוּמֶענְדִיגְן דִינְסְטָאג, עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, גֶעפַאלְט דִי יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זי"ע. רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אִין יָאר תק"מ לפ"ק, צוּ זַיין טַאטְן רֶבִּי נַפְתָּלִי הִירְץ ז"ל אוּן זַיין מַאמֶע לַאנְיֶע ע"ה. עֶר אִיז אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אִין שְׁטָאט נֶעמִירוֹב, זַיין טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם, עֶר אִיז אָבֶּער אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער סוֹחֵר אוּן אַן עוֹשֶׁר, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, אוּן צוּ דוּרְכְלֶערְנֶען יֶעדֶע וָואךְ דִי מֶדְרָשׁ אוֹיף דִי פַּרְשָׁה.

בַּיי דִי דְרַייצְן יָאר אִיז רֶבִּי נָתָן אַ חָתָן גֶעוָוארְן, אוּן הָאט עֶר חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּ זַיין וַוייבּ אֶסְתֵּר שֵׁיינְדְל ע"ה, אַ טָאכְטֶער פוּן אֵיינֶע פוּן דִי גְדוֹלֵי הַדּוֹר אִין יֶענֶע תְּקוּפָה, הַגָּאוֹן הַגָּדוֹל רֶבִּי דָוִד צְבִי אוֹיעֶרְבָּאךְ זי"ע וועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען רָב אוֹיף דְרֵיי גְרוֹיסֶע שְׁטֶעט שַׁארִיגְרַאד, מָאהֶלוּב אוּן קְרֶעמְנִיץ, אוּן אוֹיף נָאךְ פִּילֶע קְלֵיינֶע שְׁטֶעט אוּן דֶערְפֶער. רֶבִּי דָוִד צְבִי אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, דֶער צַדִּיק רֶבִּי בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזֶעבִּיזְשׁ זי"ע הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף אִים אַז אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא גֵייט מִיט אִים מִיט שְׁטֶענְדִיג.

רֶבִּי נָתָן אִיז שׁוֹין דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מַתְמִיד אוּן אַ לַמְדָן עָצוּם, עֶר הָאט גֶעקֶענְט שַׁ"ס וּפוֹסְקִים, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הָאט גֶעקֶענְט אִיבֶּערְגֵיין אוֹיף אוֹיסְנֶווֵיינִיג יֶעדֶע תּוֹסֶפוֹת אִין שַׁ"ס אִין דִי רֵייעֶ. זַיין שְׁוֶוער הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעהַאלְטְן פוּן אִים, אוּן עֶר הָאט גֶעהָאפְט אַז רֶבִּי נָתָן וֶועט אִיבֶּערְנֶעמֶען זַיין רַבָּנוּת נָאךְ זַיינֶע הוּנְדֶערְט אוּן צְוָואנְצִיג.

כָאטְשׁ וָואס זַיין שְׁוֶוער אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס, הָאט עֶר אָבֶּער נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּנֶעם דֶרֶךְ הַבַּעַל שֵׁם טוֹב, עֶר פְלֶעגְט אָנְזָאגְן זַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיידִימֶער אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט מִתְחַבֵּר זַיין צוּ דִי חֲסִידִים. וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז אָבֶּער גֶעזִיצְן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אוּן גֶעלֶערְנְט הָאבְּן דִי חַסִידִישֶׁע אִינְגֶעלַייט אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ גֶערֶעדְט

<<<<<<

## א גוט ווארט

אֱמֶת, דוּ הַאלְסְט אַז דוּ בִּיסְט גֶערֶעכְט אוּן יֶענֶער דַארְף דִיר אִיבֶּער בֶּעטְן, אָבֶּער מֶען קֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף וֶוער עֶס אִיז גֶערֶעכְט, מֶען דַארְף דָא נוּצְן שֵׂכֶל, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ח:): "בַּמִּדָּה שֶׁאָדָם מוֹדֵד, בָּהּ מוֹדְדִין לוֹ", וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ אַזוֹי פִירְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּרִיק צוּם מֶענְטְשׁ, אוּן נָאךְ פִיל מֶער בַּיי אַ גוּטֶע זַאךְ; אַז דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיין וֶועג, דוּ וֶועסְט אִיבֶּערְבֶּעטְן אוּן זִיךְ לָאזְן אִיבֶּער בֶּעטְן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר מוֹחֵל זַיין אוּן דִיר גֶעבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

וִוי גְלִיקְלִיךְ זֶענֶען מִיר אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס גֶעבְּט אוּנְז שֵׂכֶל וִוי אַזוֹי מִיר זָאלְן זִיךְ פִירְן אִין לֶעבְּן. דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס מִידוֹת טוֹבוֹת אוּן אַז מִיר זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי אַזוֹי מִיר פִירְן זִיךְ, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן אִין שְׁטוּב, וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן מִיט דִי עֶלְטֶערְן אוּן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען קֵיסָרִים אוּן קֶענִיגְן וָואלְטְן גֶעוואוּסְט וָואס פַאר אַ דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיךְ לֶערְן מִיט מַיינֶע מֶענְטְשְׁן, וָואלְטְן זֵיי גֶעשִׁיקְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער לֶערְנֶען צוּ מִיר", אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מִקֵּץ תשי"פ)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## דַארְף אִיךְ עֶפֶּעס טוּן וֶוען אִיךְ הֶער ווִי דֶער שָׁכֵן קְרִיגְט זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אֵיינֶער הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז זַיינֶע פְרִישֶׁע שְׁכֵנִים, אַ שָׁנָה רִאשׁוֹנָה פָּארְפָאלְק, הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן אִין זַיין בִּנְיָן, אוּן יֶעדֶע נַאכְט הֶערְט מֶען אַרוֹיס קוֹלוֹת וּבְרָקִים פוּן דָארְט, מְ'הֶערְט זֶעצְן אוּן קְלַאפְּן, אוּן מְ'הֶערְט דִי פְרוֹי וֵויינֶען זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג ווִי אַ קְלֵיין קִינְד. פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעעֶן זֵיי ווִי אַ נָארְמַאלֶע פָּארְפָאלְק, אָבֶער סְ'זֶעט אוֹיס אַז סְ'טוֹיג נִישְׁט דֶער מַצָּב דָארְט.

יֶענֶער אִיז גֶעגַאנְגֶען דָאס דֶערְצֵיילְן פַאר'ן דַיָּין פוּן דֶעם אִינְגֶערְמַאן, וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען רֶעדְן צוּם דֶעם חָתָן מַדְרִיךְ פוּנֶעם אִינְגֶערְמַאן, אָבֶער עֶס אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען אַז דֶער אִינְגֶערְמַאן זָאגְט אַז אַלֶעס אִיז פֵיין. דַארְף מֶען נָאךְ עֶפֶּעס טוּן דֶערְצוּ? אָדֶער זָאל מֶען עֶס לָאזְן לוֹיפְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ז' דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַדַאי דַארְפְסְטוּ טוּן, וָואס אִיז בִּכְלַל דַיין שְׁאֵלָה?

נֶעם אַ זֶעקֶל סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פוּן עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן גֵיי דֶערְמִיט אִין דִי הַייזֶער רַאטֶעוֶועוְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער; דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס הֲפָצָה אִיז אוּן וָואס מֶען רַאטֶעוֶועט אַלְץ מִיט הֲפָצָה, ווִיפִיל אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶער גֵייעֶן חָרוּב וְנֶחְרַב פוּן דֶעם וָואס אִינְגֶעלַייט הָאבְּן נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל ווִי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט אַ וַוייבּ, אוּן מִיט אַ קוּנְטְרֵס קֶען מֶען זֵיי פָּשׁוּט אָפְּרַאטֶעוֶועוְן.

אַז עֶס אִיז דִיר אוּנְטֶער גֶעקוּמֶען צוּ הֶערְן פוּן דֶער נָאנְט ווִי אַזוֹי עֶס זֶעט אוֹיס שְׁטִילֶערְהֵייט אִין הַייזֶער צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ וְכוּ', אִיז דָאס וַוייל פוּן הִימְל ווִיל מֶען דוּ זָאלְסְט גֵיין "הֲפָצָה"; דוּ זָאלְסְט גֵיין טֵיילְן סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן סִידִי"ס פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, רַאטֶעוֶועוְן אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶער.

מוֹהֲרַ"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעשְׁרִיבְּן ווָאוּנְדֶערְלִיכֶע סְפָרִים אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת וָואס אִיז שׁוֹין דָא הַיינְט אוֹיף אַפָּאר שְׁפְּרַאכְן. אִין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ אִיז דָא: "אוֹצַר שָׁלוֹם בַּיִת", אִין אִידִישׁ אִיז דָא עֶטְלִיכֶע שֵׁיינֶע סְפָרִים: "מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ"; "מְכַבֵּד זַיין דֶעם מַאן"; "שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ"; "זִיךְ גֶט'ן אִיז נִישְׁט דִי עֵצָה"; אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דָא אִין עֶנְגְלִישׁ עֶטְלִיכֶע סְפָרִים. זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי קוּנְטְרֵסִים אוּן גֵיין בַּיי דִי הַייזֶער וֶועסְטוּ לִיכְטִיג מַאכְן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דֶעם סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל, דִי בְּרִיוְון פוּן מוֹהֲרַ"שׁ וָואס אִיז מְחַזֵּק אוּן מְעוֹדֵד יֶעדְן אֵיינֶעם. ווִי צֶעבְּרָאכְן מֶען זָאל נָאר נִישְׁט זַיין וֶוערְט מֶען גֶעשְׁטַארְקְט דוּרְךְ דִי בְּרִיוְון; אוֹיךְ אִיז דָא אִין דִי בְּרִיוְון אַ וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן אִין שְׁטוּבּ אָן קַיין חוּמְרוֹת אוּן פְּרִישׁוּת. מוֹהֲרַ"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן אוֹיף דִי וָואס לֶערְנֶען חוּמְרוֹת אוּן פְּרִישׁוּת פַאר חֲתָנִים, אַז זֵיי זֶענֶען עָתִיד לִיתֵּן אֶת הַדִּין, זֵיי זֶענֶען גוֹרֵם מֶען זָאל זִיךְ קְרִיגְן אִין שְׁטוּבּ אוּן רוֹב גִיטִין קוּמֶען פוּן דֶעם וָואס מֶען אִיז מַדְרִיךְ מִיט פַאלְשֶׁע לִימוּדִים, זֵיי הָאבְּן אַ תַּאֲוָה צוּ זָאגְן חוּמְרוֹת פַאר אַ צְוֵוייטְן וְכוּ'; דֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר שַׁארְף (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת הוֹרָאָה, סִימָן ה): "מִי שֶׁמַּחְמִיר לַאֲחֵרִים וּמֵקֵל לְעַצְמוֹ", וֶוער עֶס לֶערְנְט פַאר אַ צְוֵוייטְן חוּמְרוֹת וֶוען עֶר אַלֵיינְס אִיז וַוייט פוּן דֶעם אַלֶעם, "עַל־יְדֵי־זֶה אֵינוֹ זוֹכֶה לִרְאוֹת בִּיפִי הַמֶּלֶךְ", וֶועט עֶר נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה כה, ח): "אַל תְּהֵא אוֹמֵר עַל מַה שֶׁלֹּא שָׁמַעְתָּ, שָׁמַעְתִּי, וְלֹא תְהֵא אוֹסֵר לַאֲחֵרִים וּמַתִּיר לְעַצְמוֹ, אֶלָּא יִהְיוּ יוֹצְאִין מִפִּיךָ נֶאֱמָנִין כְּשֵׁם שֶׁיָּצְאוּ מִפִּי מֹשֶׁה, וַאֲנִי מַרְאֶה לְךָ יְפִי פָנִים אֶל פָּנִים", עַיֵּין שָׁם; ווִיפִיל אִינְגֶעלַייט פַאלְן נֶעבֶעךְ אַרָאפּ אִין הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן נָאר צוּלִיבּ דִי פַאלְשֶׁע חֲתָנִים אוּן כַּלָּה טִיטְשֶׁערְס וָואס זֵיי פַארְקוֹיפְן זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע פַארְקְרוּמְטֶע וֶועגְן?! מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן זֵיי.

אִין זְכוּת פוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן פַאר אַנְדֶערֶע וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין אַז מָשִׁיחַ וֶועט אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן פוּן גָלוּת אוּן אוּנְז פִירְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

**אַ לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה אוּן אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.**

(עֵצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּגַּשׁ תש"פ)

>>>>>>

מִיט אִים אוּן זִיךְ גֶע'טַעֲנָה'ט מִיט אִים, אוֹיפְוַוייזְנְדִיג אַז דִי תַּלְמִידֵי הַמַּגִּיד זֶענֶען גָאר גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, אוּן מִיט'ן גֵיין צוּ זֵיי וֶועט זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן זַיין הַארְץ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת.

זֵייעֶרֶע וֶוערְטֶער הָאבְּן גֶע'פּוֹעֶל'ט אוֹיף אִים אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פָארְן צוּ דִי צַדִּיקִים פוּן יֶענֶעם דוֹר. עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּ רֶבִּי בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזְשִׁיבּוּזְשׁ זי"ע, צוּם רֶבִּי'ן רֶבִּי זוּשָׁא זי"ע, צוּ הרה"ק רֶבִּי מָרְדְכַי פוּן קְרֶעמֶענִיץ זי"ע, צוּ הרה"ק רֶבִּי גְדַלְיָ' מְלִינִיץ זי"ע, צוּ הרה"ק רֶבִּי שָׁלוֹם מִפְּרָאבִּיטְשׁ זי"ע, אוּן צוּ הרה"ק רֶבִּי אַבְרָהָם דוֹב מֵחְמֶעלְנִיק זי"ע. דִי צַדִּיקִים הָאבְּן אִים זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט אוּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט אִים.

שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק פוּן בַּארְדִיטְשׁוּב זי"ע וָואס הָאט אִים זֵייעֶר מְקָרֵב גֶעוֶוען אוּן אִים גֶערוּפְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט "מַיין נָתָנְ'לֶע". רֶבִּי נָתָן אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן בַּיי דִי צַדִּיקִים, עֶס הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיין הַארְץ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בֶּאֱמֶת, אָבֶער לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן פוּן דִי חַסִידִישֶׁע ווִירְטְשַׁאפְט, עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אַז דָאס פַארְבְּרֶענְגֶען בַּיי סְעוּדוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן אִיז סְתָם בִּיטוּל זְמַן, עֶס אִיז אַ שָׁאד צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט וֶוען אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט קֶען מֶען זִיצְן אוּן לֶערְנֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶר הָאט גֶעזֶען דִי עֲבוֹדָה פוּן דִי אַלֶע צַדִּיקִים, עֶס אִיז אִים זֵייעֶר גֶעפָאלְן, עֶר הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעוואוּסְט דִי וֶועג ווִי אַזוֹי עֶר קֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ צַדִּיק. עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים, עֶר הָאט נִישְׁט אַרוֹיס גֶעהַאט קְלָאר וָואס אוּן ווִי אַזוֹי דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעזִיצְן צוּזַאמֶען מִיט אַ גְרוּפֶּע חֲסִידִים בַּיי אַ מְלַוֶּה מַלְכָּה, מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ גוֹרָל וֶוער עֶס זָאל גֵיין קוֹיפְן בֵּייגֶלֶעךְ פַאר מְלַוֶּה מַלְכָּה, דִי גוֹרָל אִיז אוֹיסְגֶעפַאלְן אוֹיף רֶבִּי נָתָן אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען קוֹיפְן. אוֹיפְ'ן וֶועג הָאט עֶר אַרַיינְגֶעטְרַאכְט אִין זַיין מַצָּב אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְבִּיטֶערְט. "אוֹיף דֶעם בִּין אִיךְ בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן? צוּ קוֹיפְן בֵּייגֶלֶעךְ?!" - הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט. עֶר הָאט אַרַיינְגֶעטְרַאכְט וָואס וֶועט זַיין זַיין תַּכְלִית אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צוּבְרָאכְן פוּן דֶעם.

עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעלָאזְט פוּן דִי בֵּייגֶלֶעךְ אוּן עֶר אִיז אַרַיין אִינֶעם גְרוֹיסְן בֵּית הַמִּדְרָשׁ וָואס אִיז גֶעוֶוען לֵיידִיג אִינְמִיטְן דִי נַאכְט, עֶר הָאט זִיךְ אַוֶועק גֶעזֶעצְט אִין ווַייבֶּער שׁוּל מִיט אַ תְּהִלִּים, אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן אַ קַאפִּיטְל נָאךְ אַ קַאפִּיטְל מִיט גְרוֹיס בְּכִיּוֹת, עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אוּן גֶעוֵויינְט אוּן נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען צוּ זִיךְ פוּן גְרוֹיס בִּיטֶערְנִישׁ, אַזוֹי הָאט עֶר גֶעזָאגְט תְּהִלִּים בִּיז קַאפִּיטְל נ', אוּן פוּן אַזוֹיפִיל וֵויינֶען אִיז עֶר גֶעוָוארְן אָפְּגֶעשְׁוַואכְט אוּן עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁלָאפְן.

עֶר הָאט גֶע'חָלוֹמ'ט ווִי עֶר זֶעט אַ גְרוֹיסֶער לֵייטֶער פוּן דִי עֶרְד בִּיז'ן הִימְל, עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט אַרוֹיפְצוּגֵיין אוֹיפְ'ן לֵייטֶער עֶר אִיז אָבֶער אַרָאפְּגֶעפַאלְן, עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט נָאכְאַמָאל אַרוֹיפְצוּגֵיין עֶר אִיז אָבֶער נָאכְאַמָאל אַרָאפְּגֶעפַאלְן, ווִי מֶער עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט אַרוֹיפְצוּגֵיין הֶעכֶער אִיז עֶר אַרָאפְּגֶעפַאלְן פוּן אַ גְרֶעסֶערֶע פְלַאץ אוּן זִיךְ נָאךְ מֶער צוּקְלַאפְּט, בִּיז עֶר הָאט גֶעכַאפְּט אַזַא טְרַאסְק אַז עֶר הָאט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אוּן עֶר הָאט מֶער נִישְׁט פְּרוּבִּירְט אַרוֹיפְצוּגֵיין, אוּן דַאן אִיז אֵיינֶער אָנְגֶעקוּמֶען אוּן אִים מְחַזֵּק גֶעוֶוען אוּן גֶעשְׁטַארְקְט, זָאגֶענְדִיג: "דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ!". דָאס אִיז גֶעוֶוען סוֹף יָאר תקס"ב לפ"ק פַאר סְלִיחוֹת.

אִין יֶענֶע צַייט הָאט גֶעוואוֹינְט אִין נֶעמִירוֹב אַ אִיד מִיטְן נָאמֶען ר' לִיפָּא, עֶר פְלֶעגְט פָארְן צוּ אַסַאךְ צַדִּיקִים, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, וָואס אִיז נִישְׁט וַוייט פוּן נֶעמִירוֹב, אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען וואוֹינֶען אַ צַדִּיק, הָאט עֶר בַּאקוּמֶען חֵשֶׁק צוּ גֵיין צוּ אִים, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטוּן, עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף שַׁבָּת פָּרָשַׁת כִּי תָבֹא. עֶר אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי דִיבּוּרִים וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט בַּיים רֶבִּי'ן אוּן זַיין הַארְץ הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן צִיעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גְרוֹיסֶע בְּרֶען. יֶענֶעם שַׁבָּת הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְמַאנְט עֶטְלִיכֶע מָאל: "אִיךְ זֶע אַ נֵייעֶ נְשָׁמָה אִין אוּקְרַיינֶע נָאנְט צוּ בְּרֶסְלֶב", אוּן עֶר הָאט גֶערֶעדְט אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי נְשָׁמָה. דֶער עוֹלָם הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וֶועם דֶער רֶבִּי מֵיינְט מִיט דֶעם.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, וָואס אִיז דַאן גֶעוֶוען "א' סְלִיחוֹת", אִיז ר' לִיפָּא צוּרִיק גֶעפָארְן צוּ זַיין שְׁטָאט נֶעמִירוֹב, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּל זָאגְן סְלִיחוֹת, אוּן אַזוֹי ווִי עֶס אִיז אִים נָאךְ גֶעלִיגְן אִין דִי בֵּיינֶער דִי הִתְעוֹרְרוּת וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען שַׁבָּת בַּיים רֶבִּי'ן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט דִי סְלִיחוֹת מִיט גְרוֹיס בְּרֶען אוּן כַּוָּונָה מִיט גֶעשְׁמַאק, אוּן אֲפִילוּ בַּיי דִי לֶעצְטֶע שְׁטִיקְלֶעךְ פוּן סְלִיחוֹת, ווִי "עֲנֵנִי ה' עֲנֵנִי" "מִי שֶׁעָנָה לְאַבְרָהָם" אוּן אַזוֹי ווַייטֶער, דִי שְׁטִיקְלֶעךְ וָואס מֶען כַאפְּט שׁוֹין גֶעוֶוענְלִיךְ אָפּ, הָאט עֶר עֶס אָבֶער גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיס חֵשֶׁק שְׁטַייט אוּן רוּאִיג אוּן מִיט גְרוֹיס כַּוָּונָה. וֶוען דִי אִינְגֶעלַייט אִין שׁוּל הָאבְּן גֶעזֶען דִי הִתְעוֹרְרוּת וָואס הָאט אָנְגֶעכַאפְּט דֶעם ר' לִיפָּא, הָאבְּן זֵיי אִים אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט נָאךְ סְלִיחוֹת וָואס דִי מַעֲשֶׂה אִיז, הָאט עֶר זֵיי דֶערְצֵיילְט אַז דָא נִישְׁט וַוייט, אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, הָאט זִיךְ אַרַיין גֶעצוֹיגְן אַ פְרִישֶׁער צַדִּיק, אַן אֵיינִיקְל פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב, אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוֹיף שַׁבָּת אוּן דָארְט אִיז עֶר זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז עֶר זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן, אֶפְשָׁר וֶועט עֶר בַּיי דֶעם צַדִּיק טְרֶעפְן דָאס וָואס עֶר זוּכְט, אֶפְשָׁר וֶועט דֶער צַדִּיק אִים אוֹיךְ מְעוֹרֵר זַיין אוּן אִים פִירְן

<<<<<<

>>>>>>

אויפ'ן ריכטיגן וועג. נאך יענעם טאג האט ער זיך צוזאם געשטעלט מיט רבי נפתלי און רבי זלמן און זיי זענען אינאיינעם געפארן צום רבי'ן.

ווען ער איז אנגעקומען צום רבי'ן האט רבי נתן דערקענט אז דער רבי איז געווען דער וואס איז געקומען צו אים אין חלום און אים געזאגט "דראפע זיך און דערהאלט זיך". דער רבי האט גערעדט מיט זיי א שטיק צייט.

זייענדיג דארט האט רבי נתן שוין געהערט אז ביים רבי'ן איז דער עיקר ראש השנה, ער האט פארשטאנען אז ער וועט נישט קענען בלייבן דארט ביז ראש השנה, איז ער אהיים געפארן מיטן חשבון צוריק צו קומען צום רבי'ן אויף ראש השנה.

פרייטאג פרשת נצבים, כ"ז אלול, האט זיך רבי נתן ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג צוזאמען מיט זיין חבר רבי נפתלי, צו פארן צום רבי'ן אויף שבת און שוין בלייבן דארט אויף ראש השנה וואס איז דאן אויסגעפאלן מאנטאג און דינסטאג.

אנקומענדיג צום רבי'ן האט דער רבי זיי געזאגט: "איך וועל אייך פירן אויף א נייעם וועג". פרייטאג צו נאכטס האט רבי נתן געגעסן ביים רבי'ן און ער איז זייער נתעורר געווארן פון די דיבורים וואס ער האט געהערט. נאך די סעודה ווען דער עולם איז זיך צעגאנגען, יעדער איז אהיים געגאנגען שלאפן, האט אבער רבי נתן נישט געקענט גיין שלאפן, עס האט געברענט אין אים א גרויסע התעוררות און א פייער, ער איז געגאנגען שפאצירן אינדרויסן פון שטאט און געשריגן צום אייבערשטן: "רבונו של עולם, אין ברסלב ברענט א פייער, פייער מיר אריין דאס פייער אין הארצן אריין!" ער האט גערעדט און געוויינט צום אייבערשטן די גאנצע נאכט. רבי נתן איז שוין געבליבן ביים רבי'ן אויף ראש השנה און ער איז מורא'דיג נתעורר געווארן דארטן.

אין איינע פון די טעג פון עשרת ימי תשובה איז רבי נתן אריין צום רבי'ן פריוואט און זיך אויסגערעדט זיין גאנצע הארץ, אלעס וואס גייט אויף אים אריבער. דער רבי האט גערעדט מיט אים און אים זייער מחזק געווען, דער רבי האט אים געגעבן עטליכע הנהגות וואס צו טון, צו זאגן יעדן טאג אכצן פרקים משניות און נאך. דערנאך איז דער רבי ארויסגעגאנגען מיט אים צו כאפן א שפאציר, דער רבי האט גערעדט צו אים דיבורי התחזקות אז מען טאר נישט ווערן צובראכן און צופאלן פון קיין שום זאך אויף דער וועלט, וואס עס זאל זיך נאר דרייען מיט א מענטש דארף ער זיך שטענדיג שטארקן און דערהאלטן, און אינמיטן די שמועס האט דער רבי ארויפגעלייגט זיין האנט אויף רבי נתנ'ס אקסל און אים געזאגט: "און ווייטער איז זייער גוט אז מען רעדט זיך אויס דאס הארץ פארן אייבערשטן אזוי ווי מען רעדט זיך אויס פאר אן אמת'ן גוטן פריינד". דאן האט דער רבי אים די ערשטע מאל געזאגט די עצה פון התבודדות, אז עס איז נישט דא קיין אנדערע עצה פאר א מענטש אויף דער וועלט, נאר אז ער זאל אנטלויפן צום אייבערשטן, אז ער זאל דערציילן פאר'ן אייבערשטן, אויף די אייגענע שפראך, אלעס וואס גייט אויף אים דורך ברוחניות ובגשמיות, אזוי ווי מען רעדט זיך אויס פאר אן אמת'ער גוטער חבר.

די ווערטער זענען אריין אין רבי נתנ'ס הארץ ווי א פייער, דאן האט ער פארשטאנען אז ער וועט שוין זיכער זיין אן ערליכער איד. וואס עס וועט נאר אריבער גיין אויף אים, וואסערע סארט מניעות און שוועריקייטן, ספיקות און בלבולים, ער וועט נאר האבן; וועט ער דאס אלעס דערציילן פארן אייבערשטן, און דער אייבערשטער וועט אים העלפן און אים פירן אויפן ריכטיגן וועג. און פון דאן איז ער שוין געבליבן מקורב און דבוק צום רבי'ן אויף אייביג. און רבי נתן האט דאס גלייך מקיים געווען, ער איז אריין אין א שול וואס איז געווען דאן ליידיג, און ער האט זיך אויסגעגאסן דאס הארץ פארן אייבערשטן, דערציילנדיג פאר אים אלעס וואס איז אים געליגן אויפ'ן הארץ.

כאטש וואס דער רבי האט געהאט אסאך תלמידים, גאר גרויסע תלמידים, איז אבער רבי נתן יעדן איבער געשטיגן. ער האט פארשטאנען אז דעם רבי'נס לימודים איז נישט נאר געווען פאר דעמאלט, נאר עס וועט שוין בלייבן אויף אייביג, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט: "מיין פייער וועט שוין טליען ביז משיח וועט קומען". רבי נתן האט אפגעשריבן אלע ספרים, אלע תורות און שמועסן פון רבי'ן, אויסער די ספרים וואס רבי נתן האט אליין געמאכט וואס זענען מחי' און מחזק, עס בלאזט אריין א האפענונג און א שטארקייט אין יעדן וואס לערנט עס. ביז'ן היינטיגן טאג איז זיך די גאנצע וועלט מחי' מיט זיינע הייליגע ספרים, מיט די ירושה וואס ער האט אונז איבער געלאזט פון רבי'ן.

רבי נחמן טולטשינער ז"ע, דער תלמיד מובהק וואס האט איבער גענומען רבי נתן, פלעגט אנהויבן זיין דרשה ביי די סעודת הילולא פון רבי נתן מיט די ווערטער: "דער הייליגער רבי נתן האט אונז איבער געלאזט א גרויסע ירושה וואס ער האט באקומען פון הייליגן רבי'ן, לאמיר זיך צוטיילן צוזאמען מיט די ירושה" און אזוי איז ער אריין אין א שמועס פון די הייליגע ווארימע דיבורים פון רבי נתן וואס זענען מחי' יעדן איינעם.

לאמיר זיך אויך שטארקן מיט די הייליגע ירושה, לאמיר לערנען, הערן און מקיים זיין די אלע עצות און למודים וואס רבי נתן האט אונז איבער געלאזט פון רבי'ן, און אזוי וועלן מיר מצליח זיין אויף די וועלט און אויף יענע וועלט לנצח נצחים.

(ספר פעלת הצדיק)

# שאלות ותשובות ברסלב




## ווי אזוי קען מען זיך בארואיגן נאך די שרעקליכע טראגעדיע?

*שאלה:*

**לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,**

זייט ס'איז געשען די שרעקליכע טראגעדיע ל"ע אין דזשערסי סיטי, האב איך מיט מיין ווייב נישט קיין מנוחה פון דעם. מיר וואוינען נעבן בארא פארק און מיר טראכטן ערנסט זיך אוועק צו ציען קיין אפסטעיט וואו ס'איז דא ווייניגער אויסזיכטן פאר אזא זאך זיך איבערצו'חזר'ן ח"ו. מיר ווילן הערן וואס דער ראש ישיבה האלט וועגן דעם.

יישר כח

*תשובה:*

**בעזרת ה' יתברך**

יום ד' פרשת ויגש, ד' טבת, שנת תש"פ לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

עס איז נישט דא וואו צו לויפן און וואו זיך צו באהאלטן, מיין נישט אז אין אפסטעיט איז בעסער; די גוים אין אפסטעיט האבן אונז פונקט אזוי פיינט ווי די גוים פון שטאט. די וואך האט פאסירט א שרעקליכע רציחה אין אפסטעיט, אין מאנסי, א רוצח איז אריין געקומען צו א רב אין שטוב בשעת הדלקת הנרות און געשטאכן פינף אידן, זעט מען דאך קלאר אז עס האט נישט מיט דזשערסי סיטי, מאנסי; נאר איבעראל האט מען אונז פיינט, עס איז נישט דא וואו צו לויפן.

אז דו זוכסט וואו צו אנטלויפן, וואו זיך באהאלטן - אנטלויף צום אייבערשטן, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה דערציילן (שמות רבה כז, ג): עס איז געווען א פייגל וואס מען האט איר געזוכט צו כאפן, די פייגל איז געפלויגן פון איין בוים צום צווייטן בוים, אלץ זענען געקומען בעסערע פאנגערס, ביז די פייגל האט זיך בארעכנט: 'עס איז נישט קיין עסק צו לויפן אהער און אהין, איך דארף טרעפן א פלאץ וואו איך וועל זיך קענען באשיצן פון די פאנגערס', האט זי זיך באהאלטן אינעם פאלאץ פונעם קעניג, ווייל דארט ביים היכל המלך וועט קיינער נישט קומען שיסן אויף איר; די זעלבע זאך ווען א מענטש האט צרות, עס איז נישט דא וואו צו לויפן, נאר אין איין פלאץ קען מען זיך באשיצן, אז מען באהאלט זיך ביים אייבערשטן, מען נעמט אריין אמונה אין זיך, מען גלייבט אז דער אייבערשטער פירט די וועלט מיט א פונקטליכער חשבון.

אז דו האסט פחדים פון די שרעקליכע רציחות, זאלסטו זיך חזר'ן אמונה: אלעס איז דער אייבערשטער, דער אייבערשטער איז ממלא כל עלמין וסובב כל עלמין, אין שום מציאות מבלעדיך כלל, ובכל תנועה ותנועה שם אלופו של עולם, אזוי וועסטו נישט האבן קיין פחד, ווייל "מי שיש לו בטחון, אין לו שום פחד (ספר המדות, אות בטחון, סימן א)" ווער עס פארלאזט זיך אויפ'ן אייבערשטן האט נישט קיין שום פחד.

נאך א פלאץ איז דא וואו מען קען אנטלויפן, חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תנא דבי אליהו, פרק ו): "אם ראית שהיסורין ממשמשין ובאות עליך", אויב דו זעסט אז עס קומען אויף דיר צרות און יסורים, "רוץ לחדרי דברי תורה", אנטלויף צו די הייליגע תורה, "ומיד היסורין בורחין ממך", וועסטו ווערן געראטעוועט; מאך זיך א שיעור אין די הייליגע תורה.

יעצט איז א גוטע צייט אנצוהייבן א שיעור אין ש"ס; יעדן טאג לערנען א בלאט גמרא כסדרן און אפילו דו האסט א שוואכע פארשטאנד קענסטו אויך לערנען תורה, דער רבי האט אונז געגעבן א שיינע זיסע וועג ווי אזוי יעדער איינער קען זוכה זיין צו לערנען די הייליגע תורה, אפילו מען פארשטייט נישט וואס מען לערנט, זאל מען זאגן די ווערטער פון די תורה, אפילו מען פארגעסט וואס מען לערנט זאל מען נישט קוקן אויף דעם נאר ווייטער לערנען כסדרן (כמבאר בשיחות הר"ן, סימן עו).

אז מען לעבט מיט'ן אייבערשטן ווערט מען ניצול פון אלע צרות ובפרט פון ווערן גע'הרג'ט. דער רבי זאגט (ספר המדות, אות בטחון, סימן ז): "מי שבטוח בהשם יתברך", ווער עס פארלאזט זיך אויפ'ן אייבערשטן, "הקדוש ברוך הוא מצילו מכל צרות ובפרט מהריגה", היט אים דער אייבערשטער אפ פון אלע צרות, בפרט פון ווערן גע'הרג'ט.

**מי שאמר לעולמו די יאמר לצרותינו די.**

(עצתו אמונה ויגש תש"פ)

**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**

**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 347-509-4908**




BreslevCenter.com\answers

# דִּי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (נב)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶער רֶבִּי אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען פוּן שִׁיף אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, צוּ זַיין גְרוֹיס שִׂמְחָה אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין גְרֶענִיץ.**

### רלב

דֶערְנָאךְ זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אַיינְשְׁטֵיין בַּיי עֶפֶּעס אַן אַכְסַנְיָא וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ דָארְט גֶעדִינְגֶען, אוּן נָאכְמִיטָאג זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה, אוּן פוּן דָארְט צוּ דִי שׁוּל, וואוּ זֵיי זִיךְ אוֹיפְגֶעהַאלְטְן בִּיז בַּיינַאכְט.

רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיינַאכְט הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר לַאנְג גֶעדַאוְונְט, וִוי זַיין סֵדֶר אִיז אַלְץ גֶעוֶוען, אוּן עֶר אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אִין גָאר אַ גֶעוַואלְדִיגֶע דְבֵיקוּת.

[סְ׳אִיז אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז דֶעמָאלְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מַשִּׂיג גֶעוֶוען בִּשְׁלֵימוּת דֶער עִנְיָן פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן פוּן דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶער עִנְיָן פוּן זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעטוּן אוּן גֶעזָאגְט, "מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אַ גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט אַז אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט גֶע׳יַרְשְׁ׳נְט פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין הָאט מִיר דָאס גֶעגֶעבְּן אַלְס מַתָּנָה אַז אִיךְ וֵוייס וָואס רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז. דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז תָּלוּי אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה" (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן ת״ה)].

### רלג

נָאכְ׳ן עֶנְדִיגְן דָאס דַאוֶונֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיינַאכְט, אִיז דֶער רֶבִּי צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין אַכְסַנְיָא, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט גָאר שְׁטַארְק פְּרֵיילִיךְ, יֶעדֶע מִינוּט הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיין בַּאגְלֵייטֶער ר׳ יִצְחָק, "וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם, צוּ זַיין דָא יֶעצְט מִיט מִיר".

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מְ׳זָאל אִים פָארְלֵיינֶען אוּן דֶערְמַאנֶען דִי נֶעמֶען פוּן אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס הָאבְּן זִיךְ מַזְכִּיר גֶעוֶוען אוּן אִים גֶעגֶעבְּן קְוִויטְלֶעךְ מִיט זֵייעֶרֶע נֶעמֶען. אוּן זֵיי הָאבְּן דָארְט גֶעגֶעסְן דִי סְעוּדָה, אוּן אַלֶעס אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, בִּיז נָאךְ דִי סְעוּדָה וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן.

### רלד

אִינְדֶערְפְרִי זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען דַאוֶונֶען אִין שׁוּל, אָבֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען אַהֵיימְגֶעקוּמֶען נָאכְ׳ן דַאוֶונֶען אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוָוארְן זֵייעֶר פַארְ׳דַאֲגָה׳ט מִיט אַ לֵב נִשְׁבָּר אוֹיף אַ שְׁטַארְקְן פַארְנֶעם, אוּן עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט קֵיינֶעם.

### רלה

דָאנֶערְשְׁטָאג, ג׳ תִּשְׁרֵי, צוֹם גְּדַלְיָה, הָאט דֶער רֶבִּי גְלַייךְ גֶעוָואלְט צוּרִיק פָארְן אַהֵיים קַיין חוּץ לָאָרֶץ, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין צוּ קַיין שׁוּם פְּלַאץ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, נִישְׁט קַיין צְפַת אוּן נִישְׁט קַיין טְבֶרְיָה. אָבֶער דֶער בַּאגְלֵייטֶער ר׳ יִצְחָק הָאט יָא זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט גֵיין אַבִּיסְל זִיךְ אַרוּמְקוּקְן אִין דִי מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט שׁוֹין צוּרִיק פָארְן אַזוֹי שְׁנֶעל, אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אוּן גֶעזָאגְט אַז סְ׳אִיז דָא אַ שַׁיָּרָה וָואס מְ׳קֶען מִיט זֵיי גֵיין קַיין טְבֶרְיָה.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אוֹיב סְ׳גְלוּסְט דִיר צוּ גֵיין קַיין טְבֶרְיָה, גֵיי דִינְג אֵייזְלֶען". עֶר הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן, אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן עֶפֶּעס גֶעלְט פַאר אַן אַיינְגַאבֶּע.

וֶוען עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט, "הָאסְט גֶעדִינְגֶען אֵייזְלֶען?", הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז יָא, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "גֵיי שׁוֹין צוּרִיק אוּן בֶּעט צוּרִיק דִי אַיינְגַאבֶּע, אוּן אוֹיבּ ווילְן זֵיי דִיר עֶס נִישְׁט צוּרִיק גֶעבְּן לָאז עֶס בַּיי זֵיי, וַוייל אִיךְ וִויל נִישְׁט אַהִינְגֵיין.

אַ צְוֵויי דְרֵיי שָׁעָה שְׁפֶּעטֶער אִיז ר׳ יִצְחָק גֶעוָוארְן זֵייעֶר פַארְשְׁלַאפְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן עֶר הָאט גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר אִיז נִישְׁט מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיט דִי שַׁיָּרָה.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי״ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳
## פילע אידן זענען זיך מחיה טעגליך מיט די גמרא שיעור פונעם ראש ישיבה שליט"א

שטייענדיג ביים גרויסארטיגן סיום הש"ס, ווען אזויפיל אידן איבער די וועלט בכלל, און אלע אנשי שלומינו בפרט, זענען זוכה מסיים צו זיין גאנץ ש"ס דעם שבת קודש, און גלייכצייטיג הויבן זיי אן פון פריש, פון מסכת ברכות, דעם קומענדיגן זונטאג ויחי; שטייגט די גרויסע צאל אידן וואס הערן אויס דעם טעגליכן גמרא שיעור פונעם ראש ישיבה שליט"א.

אום חודש אב תשע"ז האט דער ראש ישיבה שליט"א אנגעהויבן פארלערנען יעדן טאג א בלאט גמרא מיט א קביעות, פילע אנשי שלומינו קומען יעדן אינדערפרי מיטצוהאלטן דעם געשמאקן שיעור, און גלייכצייטיג ווערט דער שיעור ארויפגעשטעלט אויפ׳ן "קול ברסלב" טעלעפאן ליין, וואו טויזנטער אידן רופן אריין טאג טעגליך אויסצוהערן דעם שיעור.

דער גמרא שיעור איז געווארן זייער שטארק אויפגעכאפט איבער די וועלט, דער שיעור ווערט פארגעלערנט קורץ און געשמאק, אין א דורכשניט פון צוואנציג מינוט א בלאט, אויף א פשוטן און גרינגן פארנעם, און דאס קומט ספעציעל זייער צוניץ פאר אידן וואס ווילן לערנען יעדן טאג א בלאט גמרא, זיי האבן אבער נישט די צייט און מח זיך אריינצולייגן דערין מיט׳ן גאנצן עיון, אבער דעם גרינגן געשמאקן שיעור פונעם ראש ישיבה שליט"א איז א דבר השוה לכל נפש, מיט וואס יעדער איז זיך מחיה.

דעם קומענדיגן זונטאג הויבט דער ראש ישיבה שליט"א אן מיט א פרישקייט דעם נייעם מחזור אין ש"ס, אנגעהויבן פון מסכת ברכות, און ס׳איז ערווארטעט אז פילע אידן וועלן יעצט זיך אויפפרישן מיט דעם לימוד גמרא יעדן איינציגסטן טאג.

מ׳קען הערן דעם שיעור יעדן טאג אויף "קול ברסלב", דורכ׳ן דרוקן 1 פאר אידיש, דערנאך 2 פאר שיעורים פונעם ראש ישיבה, און דערנאך 7 פאר די גמרא שיעור.

מוהרא"ש ברענגט אראפ פון דעם גרויסן גאון רבי שעפטיל, דער זון פונעם של"ה הקדוש זי"ע, וואס ער שרייבט אין זיין צוואה (בסוף ספר יש נוחלין) אז "לערנען א בלאט גמרא יעדן טאג איז א חיוב, אזוי ווי מען דארף אנטון תפילין יעדן טאג". מוהרא"ש זאגט אז ווען א איד לערנט גמרא פארברענט ער זיין יצר הרע, און דערפאר זעט מען אז דער יצר הרע וועט אלעס לאזן דעם מענטש טון, נאר נישט לערנען גמרא, פון דעם האט ער זייער מורא.

דער ראש ישיבה שליט"א איז כסדר מעורר אז אפילו ווען א מענטש קומט נישט אן צו א שיעור וואו מ׳לערנט פאר די גמרא, ער האט נישט קיין צייט און קיין מח צו לערנען און פארשטיין די גמרא, זאל אים אבער נאך אלץ נישט אריבערגיין אפילו איין טאג אן א בלאט גמרא, דער רבי האט אונז געגעבן א "סדר דרך הלימוד" אז מ׳קען זאגן די הייליגע ווערטער פון די גמרא אפילו מ׳פארשטייט נישט וואס מ׳זאגט (שיחות הר"ן, סימן עו). דער רבי וויל איין זאך: "מען זאל נישט אויפהערן לערנען, צוליב דעם וואס מען וויל בעסער לערנען", נישט צו טראכטן אז די גמרא איז געמאכט געווארן נאר פאר איינעם וואס האט דער קאפ דערצו, וואס האט די צייט דערצו, וואס האט די געדולד דערצו, נאר יעדער איינער קען אויף זיין וועג זוכה זיין צו לערנען יעדן טאג א בלאט גמרא, און אויך זוכה זיין צו מסיים זיין גאנץ ש"ס.

**כתר תורה מונח בקרן זוית, כל הרוצה ליטול יבא ויטול!**

**על הטוב יזכרו המנדבים להפצת הגליון**

**מו"ה צבי אלימלך אונגאר הי"ו - מו"ה יעקב פיש הי"ו**
**לזכות לברכה והצלחה בכל הענינים**
**און צו די יארצייט פון רבי נתן זצוק"ל**

**אלעס איז געלט**

מ׳לויפט נאך געלט, מ׳וויל האבן מער געלט,
מ׳איז מכבד איינעם וואס האט געלט, צי קען
אבער געלט עפעס העלפען דעם מענטש?
הערט א רייכע שיעור אין דעם נושא אויף:
קול ברסלב
212-444-9191
2, 1, 6, 1, 51

**חיזוק צום טיר**

איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב,
קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות,
ניגונים, סידי׳ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך;
דעליוועורט צו אייער טיר!
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו
**347-509-4908**
און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
212-444-9191 / 845-351-0910 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361
< BreslevCenter.com >

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-351-9060 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**